# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת יתרו, כ"ד שבט, מברכים חודש אדר, שנת תשפ"א לפ"ק
שנה 10, גליון 20 (485)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................5:02
מוצאי שב"ק......................6:33

**שיעורים כסדרן**
נ"ך...............שמואל-ב י"א-י"ב
בבלי.........................פסחים ע"ז
ירושלמי..............יבמות מ"ו
תוספתא..................בכורות ה'
רמב"ם......................אישות ו'

## אַ וָואוּרְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה רֵד הָעֵד בָּעָם פֶּן יֶהֶרְסוּ אֶל ה' לִרְאוֹת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אֵיינְמָאל און נָאכְאַמָאל עֶר זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן און אָנְוָוארֶענֶען דִי אִידְן זֵיי זָאלְן נִישְׁט אַרוֹיפְגֵיין אוֹיפְ'ן בַּארְג סִינַי. פַארְוָואס הָאט מֶען אַזוֹיפִיל גֶעדַארְפְט רֶעדְן און וָוארֶענֶען אִיבֶּער דֶעם?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ע"ב) אַז וֶוען אַ אִיד דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הוֹיבְּט אָן שְׁטֶערְקֶער און בֶּעסֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר דֶעמָאלְט אַ גְרוֹיסֶע יֵצֶר הָרַע צוּ גֵיין אִיבֶּער דִי מָאס. אַמָאל קֶען אַ מֶענְטְשׁ מֵיינֶען אַז דִי גְרוֹיסֶע הִתְלַהֲבוּת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ, אוֹיבּ אָבֶּער אִיז דָאס נִישְׁט אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג מִיט דִי רִיכְטִיגֶע מָאס, קֶען דָאס זַיין פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע. דֶערְפַאר, בַּיי מַתַּן תּוֹרָה וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען גֶעוֶוען אוֹיף גָאר אַ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה, הָאט מֶען זֵיי סְפֶּעצִיעֶל גֶעדַארְפְט וָוארֶענֶען זֵיי זָאלְן נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין זֵייעֶרֶע גְרֶענִיצְן און נִישְׁט אַרוֹיפְגֵיין אוֹיפְ'ן בַּארְג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַסַאךְ פֵייעֶרְדִיגֶע מַלְאָכִים אִין הִימְל וָואס דִינֶען אִים מִיט אַ בְּרֶען, אָן קַיין גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע תַּאֲווֹת, און אָן קַיין גוּף און יֵצֶר הָרַע בִּכְלַל, אָבֶּער נָאךְ מֶער זֶענֶען חָשׁוּב אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, זֵיי הָאבְּן יָא מֶענְטְשְׁלִיכֶע גֶעבְּרוֹיכְן, זֵיי דַארְפְן זִיךְ יָא אָפְּגֶעבְּן מִיט טָאג טֶעגְלִיכֶע זַאכְן און פְּרָאבְּלֶעמֶען, און פוּן דֶעסְט וֶועגְן דִינֶען זֵיי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז פִיל מֶער חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי דִי עֲבוֹדָה פוּן אַלֶע מַלְאָכִים.

דִי עֶרְשְׁטֶע מִצְוָה אִין דִי תּוֹרָה אִיז אַז מְ'דַארְף חֲתוּנָה הָאבְּן און הָאבְּן קִינְדֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אַ אִיד זָאל הָאבְּן אַ וַוייבּ און קִינְדֶער, און דַאן דַארְף עֶר זִיךְ דָאךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט זֵיי, און עֶר דַארְף גֵיין אַרְבֶּעטְן צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה פַאר זֵיי, און דַוְקָא אַזוֹי דִינְט אַ אִיד דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַלֶע מִצְוֹת פוּן דִי תּוֹרָה זֶענֶען דַוְקָא מִיט גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע זַאכְן, אַ אִיד דַארְף גֵיין מִיט צִיצִית, אָנְטוּן תְּפִילִין, עֶסְן מַצָּה, זִיצְן אִין דִי סוּכָּה, און אַזוֹי וַוייטֶער אַלֶע מִצְוֹת וָואס מְ'טוּט מִיט זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט.

דָאס אִיז וָואס אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל פוּן אוּנְז, מִיר זָאלְן אִים דִינֶען דַוְקָא מִיט אוּנְזֶער גַשְׁמִיוּת, נִישְׁט וִוי אַ מֶענְטְשׁ קֶען מֵיינֶען אַז אוֹיבּ וִויל עֶר זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד דַארְף עֶר זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּשֵׁיידְן פוּן דִי וֶועלְט, עֶר דַארְפְן זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן מֶענְטְשְׁן, זִיךְ אָפְּלָאזְן פוּן אַלֶע גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע זַאכְן. נָאר פַארְקֶערְט, עֶר זָאל נֶעמֶען דִי אַלֶע זַאכְן און עֶס בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל טוּן אַלֶעס נָאר לוֹיט וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל, און דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מְ'זֶעט אַז דִי עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת אִיז צֶעטֵיילְט אִין הָאלְבּ, דִי עֶרְשְׁטֶע פִינְף דִבְּרוֹת זֶענֶען בֵּין אָדָם לְמָקוֹם, און דִי צְוֵוייטֶע פִינְף זֶענֶען בֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעוָואלְט וַוייזְן אַז דֶער עִיקָר קַבָּלַת הַתּוֹרָה אִיז צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן בֵּיידֶע, צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט רוּחְנִיוּת און מִיט גַשְׁמִיוּת צוּזַאמֶען.

**לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן אַרַיינְצוּנֶעמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אוּנְזֶער לֶעבְּן, מִיר דַארְפְן זִיךְ נִישְׁט אָפְּשֵׁיידְן פוּן דִי וֶועלְט צוּ זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר קֶענֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן פוּנְקְט וִוי פְרִיעֶר, מִיר דַארְפְן נָאר אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין בִּילְד, יֶעדֶע זַאךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע זַאךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן סְ'זָאל זַיין נָאר וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל, דַאן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.**

(תּוֹךְ הַנַּחַל יִתְרוֹ תשס"ז)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### זֵיי מִיר מוֹחֵל

מִיר שְׁטֵייעֶן נָאךְ אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם, וֶוען יֶעדֶער אִיד קֶען גְרִינְג תְּשׁוּבָה טוּן און זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערִיבֶּער אִיז יֶעצְט דִי פַּאסִיגְסְטֶע צַייט אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען שְׁטֶענְדִיג זִיךְ מִתְוַדֶּה צוּ זַיין פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס מֵיינְט אַז עֶר זָאל אַרוֹיסְזָאגְן מִיטְ'ן מוֹיל פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אִיךְ הָאבּ דָאס און דָאס גֶעטוּן, זֵיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף דֶעם. אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט גֶעטוּן דִיר צוּ דֶערְצֶערְנֶען, נָאר וַוייל דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוֹיף מִיר", און אַזוֹי וַוייטֶער זָאל מֶען זִיךְ פַארְעֶנְטְפֶערְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בֶּאֱמֶת וִויל מֶען זַיין וואוֹיל.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס דֶער מֶענְטְשׁ פַארְדִינְט פוּן דֶעם וָואס עֶר אִיז זִיךְ

<<<<<<

## א גוט ווארט

דוּ קֶענְסְט נָאךְ אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף, זָאג נִישְׁט 'אִיךְ בִּין שׁוֹין דֶערְנָאךְ', זָאג נִישְׁט 'אִיךְ בִּין שׁוֹין פַארְפַאלְן', זָאג נִישְׁט 'פוּן מִיר וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט זַיין'; קוּק אָן דִי בֵּיימֶער, עֶס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף זֵיי אַ שְׁוֶוערֶע וִוינְטֶער, שְׁנֵיי, רֶעגְן, הָאגְל, אַייז, וִוינְטְן און וָואס נִישְׁט, עֶס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף זֵיי טוֹיטֶע חֳדָשִׁים, דָאךְ הֵייבְּן זֵיי אָן פוּן פְרִישׁ אַרוֹיסְגֶעבְּן גוּטֶע פֵּירוֹת; זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיךְ בַּאנֵייעֶן, אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ לֶערְנֶען און דַאוֶוענֶען, "כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה (דְבָרִים כ', י"ט)", דֶער מֶענְטְשׁ אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּם בּוֹים.

דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ טַאנְץ אַרַיין אִין מִקְוֶה! אַ בּוֹים קֶען נִישְׁט וַואקְסְן נָאר מִיט וַואסֶער, אַזוֹי אוֹיךְ מוּזְן מִיר זִיךְ טוֹבְלְ'ן אִין וַואסֶער צוּ קֶענֶען וַואקְסְן, צוּ קֶענֶען מַצְלִיחַ זַיין. דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים: "אִיךְ בִּין צוּגֶעקוּמֶען צוּ מַיינֶע מַדְרֵיגוֹת וַוייל אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַסַאךְ גֶע'טוֹבְלְ'ט"; וַוייל וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אִין מִקְוֶה און עֶר טוֹבְלְ'ט זִיךְ, אִיז עֶר מַמְשִׁיךְ אוֹיף זִיךְ מֶער טָהֳרָה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּשַׁלַּח תשפ"א)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# שָׁלוֹם בַּיִת מִיט דִי רִיכְטִיגֶע עֶנִיאַגְרַאם נוּמֶערְן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת בֹּא, ו' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

אִיר זֶענְט נִישְׁט אַ 7 אוּן אֵייעֶר מַאן אִיז נִישְׁט אַ 4; דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען נִישְׁט וִויכְטִיג. אַ שָׁאד צוּ רֶעדְן פוּן נוּמֶערְן אִין דִי צַייט וָואס מֶען קֶען גֶעבְּן שֶׁענֶערֶע נֶעמֶען וִוי נוּמֶערְן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אִין יְשִׁיבָה רוּף אִיךְ דִי בָּחוּרִים מִיט נֶעמֶען, מֹשֶׁה אִיז טֵייעֶר, יַעֲנְקֶל אִיז הַארְצִיג, בֶּערְל אִיז בַּא'טַעמְ'ט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

וֶוערְט נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דִי נוּמֶערְן, עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חָכְמָה דָאס צוּ קֶענֶען.

אֵיידֶער אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ מוֹהֲרָא"ש הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעדְרֵיידְט בַּיי אַ גֶעוִויסֶער חָכָם - חַכְמֵי חֶעלֶעם, דִי גַאנְצֶע שְׁפְּרַאךְ דָארְט אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי נוּמֶערְן, דֶער אִיז אַ 4, יֶענֶער אִיז אַ 7; וֶוען אֵיינֶער אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען הָאט מֶען זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעלַאכְט מִיט דִי נוּמֶערְן, בִּיז אִיךְ הָאבּ זִיךְ פָּשׁוּט פַארְעֶקְלְט פוּן זֵיי אוּן אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ אִין הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ, אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען רֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ פְּלַאץ וואוּ יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען נוּצְן דִי עֵצוֹת אוּן הָאבְּן אַ זִיס לֶעבְּן.

נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק אִיז אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ אִיד אִינְגַאנְצְן דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שָׁלוֹם בַּיִת; אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט אִים אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט וואוּ עֶר דְרֵיידְט זִיךְ... בְּקִיצוּר זַיין רֶבִּי רֶעדְט אוֹיךְ מִיט דִי פַאנְטַאזִיעֶס, נוּמֶערְן; זַיין רֶבִּי זָאגְט אִים אַז עֶר אִיז אַן 1 אוּן זַיין וַוייבּ אִיז אַ 2, וָואס דָאס קֶען נִישְׁט אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם; עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט, עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶעוָואלְט גֶט'ן צוּלִיבּ דִי נוּמֶערְן.

אִיךְ הָאבּ אִים גֶעגֶעבְּן אַפָּאר קוּנְטְרֵסִים אוּן סְפָרִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל זִיךְ אוֹיסְשְׁוֶוענְקֶען זַיין קָאפּ פוּן דִי זַאכְן; אַנְשְׁטָאט טְרַאכְטְן פוּן נוּמֶערְן זָאל עֶר טְרַאכְטְן 'אִיךְ בִּין גוּט אוּן מַיין וַוייבּ אִיז נָאךְ בֶּעסֶער'. הַיינְט לֶעבְּן זֵיי אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, וִוי צְוֵויי טוֹיבֶּעלֶעךְ.

**אִיךְ קֶען אַייךְ אוֹיסְלֶערְנֶען דִי חָכְמָה פוּן דִי נוּמֶערְן:**

**1 - אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער**

**2 - זֶענֶען דִי לוּחוֹת**

**3 - זֶענֶען דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת, אַבְרָהָם, יִצְחָק אוּן יַעֲקֹב**

**4 - זֶענֶען דִי הֵיילִיגֶע אִמָהוֹת, שָׂרָה, רִבְקָה, רָחֵל אוּן לֵאָה**

**5 - זֶענֶען דִי חוּמָשִׁים, בְּרֵאשִׁית, שְׁמוֹת, וַיִקְרָא, בַּמִדְבָּר אוּן דְבָרִים**

**6 - אִיז מִשְׁנַיוֹת, שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה; סֵדֶר זְרָעִים, סֵדֶר מוֹעֵד, סֵדֶר נָשִׁים, סֵדֶר נְזִיקִין, סֵדֶר קָדָשִׁים אוּן סֵדֶר טָהֳרוֹת**

**7 - אִיז שַׁבָּת, דִי זִיבֶּעטֶע טָאג פוּן דִי וָואךְ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.**

קוּמְט אוֹיס אַז אֵייעֶר מַאן, וָואס לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; וֶוען עֶר לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת אִיז עֶר אַ 6, וֶוען עֶר לֶערְנְט חוּמָשׁ אִיז עֶר אַ 5, וֶוען עֶר אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד אִיז עֶר אַן 1, אוּן שַׁבָּת זֶענֶען מִיר אַלֶע 7.

**דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נִסִים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ וֶועט אִיר הָאבְּן נָאךְ נִיסִים.**

(עֵצָתוֹ אֱמוּנָה בֹּא תשפ"א)

<<<<<<

מִתְוַדֶה פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזַא מֶענְטְשׁ קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט שְׁטְרָאפְן, עֶר נֶעמְט אַרָאפּ פוּן זִיךְ אַלֶע דִינִים אוּן שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת. חַזַ"ל זָאגְן (סִפְרָא פַּרְשַׁת בְּחֻקֹּתַי) אַז אִין דִי מִינוּט וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַדֶה פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְלַייךְ זִיךְ מְרַחֵם אוֹיף אִים. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל נָאר אֵיין זַאךְ, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אַרָאפְּבֵּייגְן דֶעם קָאפּ פַאר אִים אוּן זָאגְן אַז עֶר וִויל זַיין גוּט. דֶער פָּסוּק זָאגְט (הוֹשֵׁעַ יד, ג) "קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים וְשׁוּבוּ אֶל ה'", זָאגְן אוֹיף דֶעם דִי חַזַ"ל (פְּסִיקְתָּא דְרַב כַּהֲנָא, פֶּרֶק כ"ד) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אַז עֶר דַארְף גָארְנִישְׁט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, נָאר וֶוערְטֶער. עֶר וִויל נָאר אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל רֶעדְן צוּ אִים אוּן זִיךְ מִתְוַדֶה זַיין, אוּן דַאן וֶועט עֶר אִים שׁוֹין מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶעס.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד') אַז וֶוען אַ אִיד טוּט חַס וְשָׁלוֹם אַן עֲבֵירָה, וֶוערְט דָאס אַרַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְחֶזְקֵאל לב, כז) "וַתְּהִי עֲוֹנוֹתָם חֲקוּקָה עַל עַצְמוֹתָם". אוּן דָאס מַאכְט אַז דִי בֵּיינֶער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ זָאל צוּבְּרָאכְן וֶוערְן. דָאס בְּרֶענְגְט נָאכְדֶעם אַלֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט אַ דֶערְבִּיטֶערְטֶער אוּן טְרוֹיעֶרִיגֶער מֶענְטְשׁ. וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט אָבֶּער אַרוֹיס מִיטְ'ן מוֹיל פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, דַאן גֵייעֶן אַרוֹיס דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיינֶע בֵּיינֶער, עֶס נֶעמְט אַוֶועק פוּן אִים אַלֶע צָרוֹת, אוּן עֶר וֶוערְט אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ.

אוּן דֶערִיבֶּער זָאגְן מִיר אֵייבִּיג דִי וִדּוּי בַּיים דַאוֶוענֶען לוֹיט דִי א' ב' – אָ'שַׁמְנוּ בָּ'גַדְנוּ גָּ'זַלְנוּ אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אוּן דִי זֶעלְבֶּע בַּיי דִי לַאנְגֶע "עַל חֵטְא'ס" גֵייט עֶס אוֹיךְ לוֹיט דִי א' ב'. וַוייל מִיט דֶעם וָואס מֶען נוּצְט דִי אוֹתִיוֹת אוֹיף זִיךְ מִתְוַדֶה צוּ זַיין, מִיט דֶעם גֵייט אַרוֹיס דִי אַלֶע אוֹתִיוֹת פוּן דִי בֵּיינֶער.

אוּן דֶערִיבֶּער, וַוייל דָאס זִיךְ מִתְוַדֶה זַיין אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אוּן עֶס הֶעלְפְט אַזוֹיפִיל פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, דֶערִיבֶּער הָאט מֶען אַזוֹי מְתַקֵן גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל זִיךְ מִתְוַדֶה זַיין יֶעדְן טָאג בַּיי תַּחֲנוּן, אוּן טֵייל זֶענֶען זִיךְ מִתְוַדֶה אוֹיךְ בַּיי דִי בְּרָכָה פוּן "שְׁמַע קוֹלֵנוּ", אוֹיךְ דִי וָואס זָאגְן יֶעדְן טָאג דִי קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה פוּן אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ זֶענֶען זִיךְ דָארְט נָאכְאַמָאל מִתְוַדֶה.

דָאס אִיז אָבֶּער נִישְׁט גֶענוּג, וַוייל אַסַאךְ מָאל הָאט דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט דֶער קָאפּ אוֹיפְ'ן פְּלַאץ, אוּן עֶר טְרַאכְט אֲפִילוּ נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט. דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ אוּן מִיט זַיינֶע אֵייגֶענֶע גֶעפִילְן, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זִיךְ מִתְוַדֶה זַיין צוּ אִים, אוּן אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן. אוּן דָאס וֶועט מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ פַאר אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ, אוּן עֶס וֶועט אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן אִים אַלֶע שְׁלֶעכְטֶס.

### אִיךְ מֵיין עֶס נִישְׁט אֱמֶת'דִיג

אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן וָואס הַאלְט צוּרִיק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זִיךְ מִתְוַדֶה זַיין אִיז דָאס וָואס עֶר טְרַאכְט בַּיי זִיךְ אַז עֶר מֵיינְט דָאךְ נִישְׁט אֱמֶת'דִיג וָואס עֶר זָאגְט. עֶר זָאגְט טַאקֶע פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען וואוֹיל, אוּן אַז עֶר גֵייט שׁוֹין פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער אֵייבִּיג זַיין עֶרְלִיךְ אוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן נָאר גוּט. עֶר וֵוייסְט דָאךְ אָבֶּער טִיף אִין הַארְץ דֶעם אֱמֶת אַז עֶר זָאגְט דָאס נִישְׁט אֱמֶת'דִיג מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ, עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אַז עֶר וֶועט שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט נָאכְאַמָאל דוּרְכְפַאלְן.

דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז אֲפִילוּ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט עֶס נִישְׁט אִינְגַאנְצְן אֱמֶת'דִיג אִיז עֶס אוֹיךְ זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן עֶס נוּצְט אוֹיךְ. אַזוֹי וִוי מִיר זֶעעֶן בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּן בִּלְעָם, זָאגְט דָארְט דֶער פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר כה, לד) "וַיֹּאמֶר בִּלְעָם אֶל מַלְאַךְ ה' חָטָאתִי" - בִּלְעָם הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן מַלְאָךְ אַז עֶר אִיז זִיךְ מוֹדֶה אוּן מִתְוַדֶה אַז עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעטוּן רִיכְטִיג. זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער מֶדְרָשׁ (בַּמִּדְבָּר רַבָּה כ', ל"ו) אַז בִּלְעָם אִיז גֶעוֶוען אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז וִוי נָאר אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַדֶה אוּן זָאגְט "אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט", דַאן קֶען קַיין שׁוּם מַלְאָךְ אִים נִישְׁט אָנְרִירְן אוּן שְׁלֶעכְטְס טוּן.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אֲפִילוּ אַזַא רָשָׁע וִוי בִּלְעָם, וָואס עֶר הָאט זִיכֶער גֶעוָואלְט וַוייטֶער אוֹיךְ שְׁלֶעכְטְס טוּן; ווִיבַּאלְד עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער מִתְוַדֶה גֶעוֶוען, הָאט מֶען אִים שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁטְרָאפְן. אִיז דָאךְ זִיכֶער בַּיי אוּנְז, וָואס מִיר זֶענֶען גָאר וַוייט פוּן צוּ זַיין אַזוֹי וִוי בִּלְעָם, יֶעדֶער אִיד וִויל בֶּאֱמֶת זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, נָאר עֶר הָאט אַ שְׁוֶוערֶע יֵצֶר הָרַע; אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז וֶוען עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַדֶה פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים אַלֶעס מוֹחֵל, אוּן עֶס קֶען גָאר נִישְׁט פַּאסִירְן קַיין שְׁלֶעכְטְס צוּ אִים.

וֶוען אַ אִיד וֶועט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען שְׁטֶענְדִיג אִיבֶּערְצוּבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ מִתְוַדֶה צוּ זַיין, אֲפִילוּ וֶוען אִין אָנְהוֹיבּ וֶועט עֶר עֶס נִישְׁט זָאגְן מִיטְ'ן גַאנְצְן אֱמֶת אוּן מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ, וֶועלְן אָבֶּער דִי וֶוערְטֶער צוּבִּיסְלֶעךְ אַרַיינְגֵיין מֶער אוּן מֶער אִין זַיין הַארְץ, בִּיז עֶר וֶועט עֶס טַאקֶע יָא זָאגְן מִיט אַן אֱמֶת. עֶר וֶועט וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוּן וואוֹיל אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ וִדּוּי)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (צד)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר : דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פָארְט פוּן זְלַאטִיפָּאלֶע קַיין בְּרֶסְלֶב, אוּן אוֹיפְ'ן וֶועג פָארְט עֶר דוּרְךְ דִי שְׁטָאט אוּמַאן.**

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז דַאן אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין אוּמַאן, אִיז עֶר דוּרְכְגֶעפָארְן דֶעם אַלְטְן בֵּית הַחַיִּים, וָואס דָארְט זֶענֶען בַּאעֶרְדִיגְט גֶעוָוארְן דִי קְדוֹשִׁים וָואס זֶענֶען גֶע'הַרְגְ'ט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דֶעם רָשָׁע גַאנְטֶע אוּן דִי הֵיידַאמַאקְן, יִמַּח שְׁמָם וְזִכְרָם, אוּם ו' תַּמּוּז תקכ"ח. דֶער רֶבִּי הָאט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם וָואגְן אוּן גֶעזָאגְט, "וִוי גוּט אוּן וִוי שֵׁיין אִיז צוּ לִיגְן אִין דֶעם בֵּית הַחַיִּים". עֶר אִיז אַרָאפּ פוּן וָואגְן אוּן גֶעגַאנְגֶען צוּם בֵּית הַחַיִּים, עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אַ גֶעוִויסֶע פְּלַאץ אוּן אִיז דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען אַבִּיסְל, זַיין פָּנִים אִיז זֵייעֶר רוֹיט גֶעוָוארְן, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, "דָא אִיז גוּט צוּ לִיגְן", אוּן דַאן אִיז עֶר צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּם וָואגְן אוּן אִיז אַרַיינְגֶעפָארְן אִין שְׁטָאט.

<<<<<<

>>>>>>

מופתים וואס מ'האט געזען ביים רבי'ן איז געווען אז יעדער איד וואס איז געקומען צום רבי'ן, ער האט אויסגעהערט און גענומען די עצות פון רבי'ן, איז געווארן איבערגעדרייט צו א נייער מענטש, ער איז געווארן אן אמת'ער ערליכער איד. דאס איז אן אמת'ער רבי, דער וואס קען העלפן אידן, ער קען אין זיי אריינברענגען א ריינע אמונה, ער קען אין זיי אריינברענגען א שטארקייט און א פרישקייט זיך שטענדיג אויפצוהויבן און זיך שטארקן צו דינען דעם אייבערשטן.

"ווילט איר זיך פארנעמען עפעס א גוטע זאך לכבוד די הייליגע יארצייט?" - האט דער ראש ישיבה שליט"א געפרעגט - "זאלט איר מארגן אנהויבן מעביר סדרה צו זיין יעדן טאג, אפלאזן אלע חכמות נאר פאלגן וואס מוהרא"ש האט אונז געלערנט מעביר סדרה צו זיין יעדן טאג, און אזוי זוכה זיין צו די געוואלדיגע סגולות וואס דאס ברענגט", און אזוי ווייטער לאמיר זיך שטארקן מיט אלע עצות וואס מוהרא"ש האט אונז געלערנט, וועט אונז זיין גוט אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

נאך די דרשה האט מען געבענטשט ברכת המזון, און דערנאך איז פארגעשטעלט געווארן א שיינע סלייד פרעזענטאציע איבער די גרויסקייט פון הפצה, מען האט געהערט ערשטהאנטיגע מעשיות פון מפיצים וואס זענען מחי' אזויפיל אידישע קינדער כסדר. ווי אויך האט מען געהערט א דרשה וואס מוהרא"ש ז"ע האט געגעבן אין ישיבה תפארת התורה אין יאר תשע"ג. וואו מוהרא"ש האט שוין דעמאלט פאראויסגעזאגט אז מ'וועט חתונה מאכן אין ישיבה. דערנאך איז דער עולם זיך צוגאנגען מיט פרישע קבלות טובות זיך צו שטארקן ווייטער מיט די לימודים פון מוהרא"ש און ארויסהעלפן דאס פארשפרייטן איבער די וועלט.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז מיר זאלן טאקע זיך ווייטער האלטן אינאיינעם און ממשיך זיין צו דינען דעם אייבערשטן מיט שמחה אזוי ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט, ביז מיר וועלן שוין זוכה זיין צו די גאולה שלימה בב"א.

**לזכר עולם יהיה צדיק!**

***

# מסיבת הכרת הטוב דעם מוצאי שב"ק

דעם מוצאי שב"ק פרשת יתרו וועלן אנשי שלומינו זיך צוזאמקומען צו א הערליכע סעודת מלוה מלכה און מסיבת "הכרת הטוב" וואס ווערט צוגעשטעלט געווארן יאר יערליך לכבוד די אלע טייערע אינגעלייט וואס נעמען אנטייל און העלפן באצאלן די רענט פאר די בנינים פון די הייליגע מוסדות במשך די גאנצע יאר.

די "רענט קאמפיין" ווערט אנגעפירט שוין פילע יארן מיט גרויס איבערגעגעבנקייט דורך מו"ה שבתי דוד מארקוס הי"ו און מו"ה אשר בער אינדארסקי הי"ו וועלכע טראגן דעם עול און העלפן באצאלן די חודש'ליכע רענט פאר'ן בנין פון די הייליגע ישיבה. די צוויי חשובע אינגעלייט ווערן אויפגענומען מיט גרויס ווארעמקייט יעדן חודש דורך אנשי שלומינו, וועלכע שפירן א זכיה צו קענען צולייגן א פלייצע און ארויסהעלפן באצאלן די חודש'ליכע רענט, וואס מיט דעם נעמען זיי אראפ דעם פינאנציעלן עול וואס איז געליגן אויפן ראש ישיבה שליט"א, אזוי אז דער ראש ישיבה שליט"א קען זיך אפגעבן מיט מער הרחבת הדעת מיט אונז, ארייצולייגן אין אונז די עצות און חיזוק פון הייליגן רבי'ן, אונז מקרב זיין צום אייבערשטן און אונז שטארקן מיט תורה און תפלה און חיזוק אנצוגיין אין לעבן.

עס איז ערווארטעט א שיינער אינטערעסאנטן פראגראם ביים מלוה מלכה פון וואס דער עולם וועט זייער הנאה האבן, ווי אויך וועט מען אויסגעטיילן מתנות פאר אלע נדבנים.

**עזוב תעזוב עמו!**



## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם צוּ גֶעבְּן אַ קוּשׁ פַאר אַ קִינְד?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַסַאךְ מָאל בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אַז מְ'זָאל נִישְׁט שְׁלָאגְן אוּן נִישְׁט קוּשְׁן דִי קִינְדֶער. וָואס מֵיינְט דָאס? אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם צוּ גֶעבְּן אַ קוּשׁ פַאר אַ קִינְד?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י"ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נִישְׁט אִיךְ זָאג דָאס, דֶער רֶבִּי זָאגְט דָאס; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נט): "מְסֻגָּל יוֹתֵר לַבָּנִים לִהְיוֹת רָחוֹק מֵהֶם", עֶס אִיז בֶּעסֶער פַאר דִי קִינְדֶער נִישְׁט צוּ זַיין מִיט זֵיי, "לְבִלְתִּי לִהְיוֹת דָּבוּק בָּהֶם", נִישְׁט זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ זֵיי צוּ שְׁטַארְק, "לְשַׁעֲשֵׁעַ בָּהֶם בְּכָל פַּעַם", זִיךְ הַאלְטְן אִין אֵיין שְׁפִּילְן מִיט זֵיי, "רַק לִבְלִי לְהִסְתַּכֵּל עֲלֵיהֶם כְּלָל", נָאר מֶען לָאזְט דִי קִינְדֶער אוֹיפְוַואקְסְן, מֶען לוֹיפְט זֵיי נִישְׁט נָאךְ.

נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אַ קִינְד קוּשְׁט מֶען נִישְׁט אוּן אַ קִינְד שְׁלָאגְט מֶען נִישְׁט"; דָאס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן מֶען זָאל נִישְׁט גֶעבְּן אַ קוּשׁ פַאר'ן קִינְד, מֶען מֵיינְט צוּ זָאגְן מֶען זָאל נִישְׁט זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דִי קִינְדֶער. וַוייל וִוי מֶער מֶען אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם קִינְד אוּן מֶען צֶערְטְלְט אִים, מֶען קוּשְׁט אִים אוּן מֶען הַאלְדְזְט אִים, נָאכְדֶעם וֶוען דֶער קִינְד אִיז לֶעבֶּעדִיג אוּן שְׁפְּרִינְגֶעדִיג וְכוּ' וְכוּ', שְׁלָאגְט מֶען אִים.

קִינְדֶער דַארְפְן וִויסְן אַז טַאטֶע מַאמֶע זֶענֶען נִישְׁט זֵייעֶר חָבֵר, זֵיי דַארְפְן קוּקְן אוֹיף דִי עֶלְטֶערְן מִיט כָּבוֹד אוּן עֶרֶע, וָואס גֶעוֶוענְלִיךְ דִי עֶלְטֶערְן וָואס שְׁפִּילְן זִיךְ טָאג אוּן נַאכְט מִיט דִי קִינְדֶער - זֵיי וַואקְסְן אוֹיף מְחוּצָפִים, זֵיי פָאלְגְן נִישְׁט דִי עֶלְטֶערְן; זֵיי שְׁפִּירְן זִיךְ צוּ שְׁטַארְקֶע הֵיימִישׁ, אַ וָוארְט פוּן טַאטֶע מַאמֶע אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין וָוארְט.

עֶלְטֶערְן טָארְן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְן צוּ זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער וָואס צוּ טוּן, מֶען וֶוערְט נִישְׁט אַ גוּטֶע טַאטֶע, אַ גוּטֶע מַאמֶע - וֶוען מֶען לָאזְט דִי קִינְדֶער טוּן וָואס זֵיי ווִילְן; אָךְ אוּן וֵויי פַאר קִינְדֶער וָואס דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען זֵיי נִישְׁט מְחַנֵּךְ, וֶועלְן זֵיי אַלֶע אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה. גוּטֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען מְחַנֵּךְ דִי קִינְדֶער, זֵיי גֶעבְּן אַכְטוּנְג אוֹיף דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ פִירְן עֶרְלִיךְ אוּן גוּט.

**מִיט אַלֶע עֵצוֹת אוּן אַלֶע חָכְמוֹת - דַארְף מֶען הָאבְן תְּפִילָה; אָן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט מֶען נִישְׁט קַיין הַצְלָחָה. מֶען דַארְף אַסַאךְ דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבַמִּצְווֹת.**

מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט אַז אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן אִים גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער חָפֵץ חַיִּים גֶענוּמֶען אַ תְּהִילִים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט אוּן דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד, זָאגֶנְדִיג: "דָאס אִיז דֶער תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, וואוּ זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען אַז זִי זָאל הָאבְן גוּטֶע קִינְדֶער; אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער".

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּשַׁלַּח תשפ"א)

BreslevCenter.com\answers

>>>>>>

נָאךְ דִי הִסְתַּלְקוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּ״ן הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דִי חֶלְקָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּ״ן, דֶער פְּלַאץ פוּן זַיין הֵיילִיגְן צִיוּן אִין אוּמַאן, אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען פּוּנְקְטְלִיךְ אוֹיף דֶעם פְּלַאץ וואוּ עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעזָאגְט ״דָא אִיז גוּט צוּ לִיגְן!״.

[דִי מַעֲשֶׂה מִיט דִי קְדוֹשִׁים פוּן אוּמַאן הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁפִּילְט אִין יָאר תקכ״ח; אִין יֶענֶע צַייט הָאט גֶעוואוֹינְט אִין אוּמַאן אַ גְרוֹיסֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק מִיטְ'ן נָאמֶען רֶבִּי דָוִד חַזָן. וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע הָאט אַמָאל בַּאזוּכְט אִין אוּמַאן, הָאט עֶר זִיךְ גֶעטְרָאפְן מִיט אִים, אוּן אִים גֶעזָאגְט, ״אַסַאךְ אִידְן וֶועלְן זִיךְ רַאטֶעוֶוען אִין אֵייעֶר גַארְטְל״.

עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ בַּאהַאלְטֶענֶער צַדִיק, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ הֵייל דָארְט אִין אוּמַאן, וואוּ עֶר פְלֶעגְט זִיךְ דָארְט מִתְבּוֹדֵד זַיין גַאנְצֶע טֶעג מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. זַיין עֲבוֹדָה אִין דֶעם הֵייל אִיז גֶעוֶוען גָאר גְרוֹיס מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע דְבֵיקוּת אִין אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵייל אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר לַאנְג, סְ'הָאט זִיךְ גֶעצוֹיגְן פוּנֶעם ״טוֹיטְן בְּרִיקְל״, דֶער בְּרִיק וָואס גֶעפוּנְט זִיךְ נֶעבְן דֶעם אַלְטְן בֵּית הַחַיִים וָואס דָארְט הָאט מֶען גֶעטְרָאגְן דִי מֵתִים, בִּיז צוּם גְרוֹיסְן וַואלְד וָואס מְ'הָאט גֶערוּפְן ״דָאס גְרֶעקִיוֶוער וֶועלְדְל״.

וַיְהִי הַיוֹם, אִין יָאר תקכ״ח, אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אַ רוֹצֵחַ מִיטְ'ן נָאמֶען גַאנְטֶע, יִמַח שְׁמוֹ וְזִכְרוֹ, אוּן עֶר הָאט רֶעוָואלְטִירְט קֶעגְן דֶעם קֶענִיג. סְ'הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶעקְלִיבְן אַרוּם אִים אַ גְרוֹיסֶע בַּאנְדֶע פוּן רוֹצְחִים אוּן אִידְן פַיינְט, אוּן זֵיי הָאבְן אָנְגֶעהוֹיבְן גֵיין פוּן שְׁטָאט צוּ שְׁטָאט אוּן פוּן דָארְף צוּ דָארְף, זֵיי הָאבְן גֶעמָארְדֶעט אוּן גֶערוֹיבְּט וָואס סְ'אִיז זֵיי נָאר אוּנְטֶערְגֶעקוּמֶען אוּנְטֶער דִי הַאנְט.

זֵייעֶר עִיקָר רְצִיחוֹת אִיז גֶעוֶוען קֶעגְן אִידְן, וואוּ זֵיי הָאבְּן נָאר גֶעפוּנֶען אַ דָארְף אָדֶער שְׁטֶעטְל פוּן אִידְן, הָאבְּן זֵיי גֶע'הַרְגְ'ט אוּן גֶעמָארְדֶעט מִיט מִיתוֹת מְשׁוּנוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן גֶערוֹיבְּט זֵייעֶר גַאנְץ פַארְמֶעגְן. אַזוֹי וִוי אִין יֶענֶע צַייט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין גֶעהֶערִיגֶע מֶעגְלִיכְקֵייטְן זִיךְ צוּ פַארְבִּינְדֶען אוּן אַיינְמֶעלְדְן פַאר דִי מִינִיסְטָארְן אוּן דִי מְלוּכָה וָואס עֶס גֵייט פָאר אִין דִי קְלֵיינֶע דֶערְפֶער אוּן יִשׁוּבִים, דֶערְפַאר הָאט זֵיי קֵיינֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּרִיקְהַאלְטְן פוּן זֵייעֶרֶע רְצִיחוֹת.

וֶוען דֶער רוֹצֵחַ אִיז אָנְגֶעקוּמֶען נָאנְט צוּם שְׁטָאט אוּמַאן, אוּן דִי אִידְן אַרוּם אוּמַאן הָאבְן שׁוֹין גֶעהֶערְט אִיבֶּער דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע רְצִיחוֹת פוּן דֶעם גַאנְטֶע מִיט זַיין בַּאנְדֶע, הָאבְן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְן אַנְטְלוֹיפְן פוּן זֵייעֶרֶע דֶערְפֶער אַרַיין צוּם שְׁטָאט אוּמַאן, אַלֶע מֶענֶער פְרוֹיעֶן אוּן קִינְדֶער זֶענֶען אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען קַיין אוּמַאן, וַוייל אִין אוּמַאן אִיז גֶעוֶוען דַאן דֶער הֶערְשֶׁער אַ גְרוֹיסֶער גְרַאף וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער אוֹהֵב יִשְׂרָאֵל, אוּן זֵיי הָאבְן גֶעקְלֶערְט אַז עֶר וֶועט זֵיי רַאטֶעוֶוען.

וֶוען דֶער גְרַאף הָאט אָבֶער גֶעהֶערְט אַז גַאנְטֶע מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן קוּמֶען קַיין אוּמַאן, הָאט עֶר זִיךְ פַארְשְׁלָאסְן אִין זַיין הוֹיז, אוּן קֵיינֶעם נִישְׁט צוּגֶעלָאזְט צוּ זִיךְ. אַרוּם זַיין הוֹיז אִיז גֶעוֶוען וִוי אַ גְרוֹיסֶער מוֹיעֶר.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי״ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר ״פְּעֻלַּת הַצַּדִיק״

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

## סעודת הילולא צו די יארצייט פון מוהרא״ש זי״ע

די יומא דהילולא קדישא פון כ״ק מרן מוהרא״ש זי״ע איז אויסגענוצט געווארן דורך אידן איבער דער גארער וועלט בכלל, און דורך אנשי שלומינו בפרט, זיך צו דערמאנען די ליכטיגע זכרונות פון מוהרא״ש און צו איבער׳חזר׳ן זיינע הייליגע לימודים און עס אנהאלטן אויך אויף ווייטער.

אין לויף פון זיין גאנצן הייליגן לעבן האט מוהרא״ש נאר געוואלט איין זאך, און אויף דעם האט ער געארבעט טאג און נאכט, אריינצוברענגען די לימודים פון הייליגן רבי׳ן אין יעדע אידישע הויז איבער די גאנצע וועלט. צו שטארקן און מחזק זיין יעדן איד אז ער זאל וויסן און געדענקען אלעמאל אז דער אייבערשטער איז שטענדיג מיט אים, און אין סיי וועלכע מצב א איד געפונט זיך נאר קען ער אייביג זיין נאנט צום אייבערשטן, און ער קען זיך שטענדיג צוריק קערן צום אייבערשטן.

יעצט, אין די צייט פון די יומא דהילולא קדישא, דערמאנען זיך אידן ווי אזוי זיי האבן באקומען חיזוק פון די הייליגע ספרים און קונטרסים פון מוהרא״ש במשך די אלע יארן, און נוצן אויס די צייט ווייטער ממשיך צו זיין צו לערנען די הייליגע ספרים און צו מקיים זיין וואס דארט שטייט, און מיט דעם זיך איינקויפן א פרייליך און גליקליך לעבן ברוחניות ובגשמיות.

דורכאויס די גאנצע וואך, ובפרט אין די טאג פון יארצייט, האבן פילע אידן פון איבער די גאנצע וועלט פוקד געווען דעם ציון הקדוש אין יבנאל און זיך אויסגעבעטן בדבר ישועה ורחמים, אזוי ווי מוהרא״ש האט צוגעזאגט אין זיין צוואה אז ווער עס וועט מתפלל זיין ביי זיין קבר וועט ער זיך משתדל זיין צו איינרייסן און פועל׳ן פאר יענעם א ישועה. פילע האבן זוכה געווען אויסצוזאגן גאנץ תהלים בלי הפסק ביים ציון הק׳, אזוי ווי מוהרא״ש האט מבטיח געווען און געהייסן דאס אויסקריצן אויף זיין מצבה אז יעדער בחור אדער מיידל וואס וועט דארט אויסזאגן גאנץ תהלים לזכותו, וועלן זיי זיכער געהאלפן ווערן מיט א שידוך בקרוב ובניקל.

מוהרא״ש האט געשריבן אין זיין צוואה אז אזוי ווי ביי זיין לעבן זענען אידן נתעורר געווארן צו תשובה דורך אים, די זעלבע וועט אויך זיין נאך זיין הסתלקות אז ווער עס וועט קומען צו זיין קבר וועט נתעורר ווערן תשובה צו טון און זיך צוריק צו קערן צום אייבערשטן. און דאס האט ספעציעל געקענט זען יעצט ביי די יומא דהילולא, די געוואלדיגע התעוררות וואס האט געהערשט אויפ׳ן פלאץ, ווען פילע אידן האבן שופך שיח געווען און זיך אויסגעגאסן דאס הארץ ביים ציון הק׳.

דאהי אין אמעריקע איז פארגעקומען דער צענטראלער סעודת הילולא דעם פארגאנגענעם מוצאי שב״ק בבית מדרשינו אין וויליאמסבורג. עס זענען זיך צוזאמגעקומען פילע הונדערטער אידן פון איבעראל זיך צו שטארקן אינאיינעם אין דעם געהויבענעם טאג. ביים מלוה מלכה האט מען געהערט דברות קודש פונעם ראש ישיבה שליט״א וואס האט ארויסגעברענגט ווי שטארק מיר דארפן דאנקען דעם אייבערשטן אויף די געוואלדיגע מתנה וואס מיר האבן באקומען אז מיר האבן געהאט מוהרא״ש מיט אונז וואס האט אונז געלערנט די הייליגע לימודים פון רבי׳ן, און די לימודים זענען ווייטער חי וקים, מיר דארפן עס נאר ווייטער לערנען און חזר׳ן.

דער ראש ישיבה שליט״א האט געזאגט אז ווען ס׳קומט צו רעדן פון מוהרא״ש, איז דאס זייער שווער, מוהרא״ש האט אונז אזויפיל געגעבן אין לעבן, ער האט אזוי סאך געהאלפן אזויפיל אידן איבער די וועלט, אז ס׳איז ממש נישט מעגליך דאס אראפצוברענגען און איבערדערציילן, כל המוסיף גורע, וויפיל מ׳וועט רעדן וועט קיינמאל נישט זיין גענוג. דעריבער איז דער עיקר צו רעדן פון די לימודים און די עצות פון מוהרא״ש, ווי אזוי מיר קענען זיך שטארקן אין זיי און דאס ווייטער פארשפרייטן, דאס זענען די גרעסטע מופתים פון מוהרא״ש, און דאס איז וואס מיר דארפן חזר׳ן כסדר. אזוי ווי רבי נתן האט געזאגט אויפ׳ן רבי׳ן, אז די עיקר

<<<<<<


## עצתו אמונה ביי אייער טיר



סובסקרייבט אייך צו באקומען די ״עצתו אמונה״ יעדע וואך אויף די פאסט

פאר די ביליגע פרייז פון בלויז $2.99 א וואך

זייט אויך פון די גליקליכע וואס זענען זיך מחיה יעדע וואך מיט די פילע עצות און חיזוק אין לעבן

718-387-2691 #3

subscribe@kerenhadfusa.org

## א פשוטער פרייליכער אידל

ווי אזוי קען א אידל זיך אפלעבן זיין גאנץ לעבן מיט געשמאק און שמחה? א פשוטע לעבן מיט׳ן אייבערשטן אן קיין דאגות און זארגן.

קול ברסלב

212-444-9191

1, 2, 1, 7, 1, 82

## חיזוק צום טיר

איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, ״עצתו אמונה״, דרשות, ניגונים, סידי׳ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

347-509-4908

מיר וועלן פרובירן בעז״ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**